# אייער קינד'ס שפראך

קינדער לייגן די גרונדן פון זייער שפראך אין זייער ערשטע דריי יאר. זיי הויבן אן אנטוויקלען זייער שפראך אסאך פאר זיי הויבן אן רעדן. אלס אן עלטערן, שפילט איר דערפאר אן אייגנארטי־גע ראלע. רעדט, זינגט, לאכט און ליינט מיט אייער קינד! נוצט אייער מאמע לשון. א קינד קען לערנען עטליכע שפראכן אין די זעלבע צייט.

Bokstart איז א נאציאנאלע פלאן
געצילט צו עלטערן און ערוואקסענע
אינעם אנוועזנהייט פון יונגע קינדער
(0-3 יאר אלט), מיט די ציל פון
אנהויבן פריע שפראך אנטוויקלונג.
bokstart.se

**Bokstart**

א לייבען שטיצונג מאטעריאל פון די שוועדישע ארטס קאונסיל

## עס הויבט זיך אן מיט שפראך

פארוואס איז וויכטיג צו שטיצן די קינד'ס שפראך אנטוויקלונג? וויבאלד שפראך איז די גרונד פון אלע לערנען. און שפראך שטארקט די פארבינדונג צווישן איר און אייער קינד.

## שפילט מיט שפראך איידער קינדער לערנען זיך צו

רעדן ווערטער, רעדן זיי דורך מאכן קולות, צייגן מיט די הענט און הערן, צום ביישפיל. מאכט נאך די קינד'ס קולות, ענטפערט מיט ווערטער, אדער מיט א לאכעדיגע פנים.

## רעדט איבער וואס איר טוט

רעדט איבער זאכן וואס איר טוט צוזאמען, אזוי ווי שווימען אדער איינקויפן עסן. אזוי, הערט זיך אייער קינד צו צו וואס איר שילדערט און עס וועט זיי זיין גרינגער צו לערנען נייע ווערטער.

## גיבט אייער קינד נייע ווערטער

זאגט איבער וואס די קינד זאגט און לייגט צו ווערטער. אויב די קינד זאגט "קוקט אויף די הויז", קענט איר זאגן "יא, קוק וואס פאר א גרויסע געלע הויז". נוצט נייע ווערטער אין פארשידענע אנדערע זאצן. איר קענט זאגן: "לאמיר אויפרוימען. רוימט אויף די שפילצייט! קוק, טאטי רוימט אויף. איר קענט מיר העלפן אויפרוימען?"

## טרייבט איבער

טרייבט איבער מיט קערפער שפראך, פנים אויסדרוקן און געוויכט. דאס מאכט עס גרינגער פאר די קינד צו פארשטיין. איר קענט נוצן אייער הענט צו ווייזן ווי גרויס עפעס איז. אדער זעט אויס קאלט ווען עפעס איז קאלט. לייגט געוויכט אויף וויכטיגע און נייע ווערטער. צום ביישפיל, "דו זעסט די לאמפ?"

## פרעגט פראגעס

נוצט פארשידענע סארטן פון פראגעס. איר קענט פרעגן פראגעס אזוי ווי "וואו איז די פענסטער?" דאן קען די קינד ענטפערן דורך צייגן מיט'ן פינגער. אויב די קינד ענטפערט נישט, קענט איר אליינס ענטפערן - דאן ווייזט איר וויאזוי די ווערטער קענען ווערן גענוצט.

## זאגט "איך וואונדער זיך"

אנשטאט פרעגן "איז די פערד הונגעריג?" קענט איר זאגן "איך וואונדער זיך וואס די פערד וויל טון?". אין דעם וועג, פילט די פראגע מער אפן, און דאס געבט די געלעגנהייט פאר די קינד צו זאגן מער.

